בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

גאר א וואונדערליכער שיעור פול מיט התחזקות, וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, פרייטאג צונאכטס פאר קבלת שבת, פרשת צו, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א


ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע״י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

**שבת קודש פרשת צו, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין וויליאמסבורג יע"א. פרייטאג צונאכטס פאר קבלת שבת האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן גאר א וואונדערליכער שיעור פול מיט התחזקות.**

## זאל איך דא בלייבן זיצן?!

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן: דער הייליגער רבי נתן האט זיך אמאל פאר פורים ארויס געלאזט צו גיין צום רבי'ן, ווילנדיג זיין פורים ביים הייליגן רבי'ן. מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס בענקשאפט פון רבי נתן צום רבי'ן, עס איז געווען צייטן וואס רבי נתן האט אפילו נישט געהאט קיין געלט פאר א קאר, פאר א פערד און וואגן, איז ער געגאנגען די גאנצע וועג צופיס. די וועג איז נישט געווען אזוי ווי מען גייט פון בארא פארק קיין וויליאמסבורג, עס איז געווען א וועג פון פיר פינף שעה, אבער רבי נתן האט געזאגט: 'אז עס איז דא א רבי וואס קען מיר מחיה זיין, ער קען מיר מחזק זיין, זאל איך דא בלייבן זיצן אינדערהיים?!' פלעגט ער אסאך קומען צום רבי'ן.

## מניעות ביז'ן סוף

רבי נתן האט געהאט געפערליכע מניעות צו קומען צום רבי'ן; אזוי ווי איז עס ביי יעדער ברסלב'ער חסיד, אין אנהייב דארף מען דורך גיין שוועריקייטן, אמאל איז עס פון עלטערן וואס ווילן נישט אז זייערע קינדער זאלן קומען קיין ברסלב, אבער געווענליך בארואיגט עס זיך נאך אפאר יאר, ווען די עלטערן זעען ווי שיין דאס קינד פירט זיך אויף, אבער ביי רבי נתן איז נישט געווען אזוי, רבי נתן האט געהאט מניעות ביז'ן סוף, אן אויפהער, אסאך מאל האט פאסירט ווען ער איז אהיים געקומען אז מען האט אים אויסגעשפארט די טיר, האט ער נישט געהאט

וואו אהיים צו גיין, אבער דאס האט אים קיינמאל נישט צוריק געהאלטן פון גיין צום רבי'ן.

## שושן פורים איז אויך פורים

איין יאר פאר פורים האט ער זיך פארבענקט צום רבי'ן, האט ער באשלאסן 'איך פאר צום רבי'ן אויף פורים', ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, למעשה האט די וועג גענומען לענגער ווי געראכטן, און פורים איז ער נאך געווען אינמיטן וועג, איז ער אריין אין א קרעטשמע ווײלן דעם פורים, און 'שושן פורים' איז ער אנגעקומען צום רבי'ן. פון איין זייט איז ער געווען זייער פרייליך אז ער איז יעצט זוכה צו זיין ביים רבי'ן, אבער פון די אנדערע זייט איז ער געווען זייער צעבראכן אז פורים איז ער נישט דא געווען. האט דער רבי אים מחזק געווען ער זאל נישט זיין צעבראכן וועגן פורים, און דער רבי האט אים געזאגט: "**שושן פורים איז אויך פורים!**" פון דעם ווארט איז שוין געבליבן ביי ברסלב'ער חסידים אז 'שושן פורים איז אויך פורים', וואס דאס איז א מורא'דיגע לימוד פאר אונז.

## דאווענט מען אין גאט'ס נאמען

דער רבי האט געהאט פילע גרויסע תלמידים, איינער פון זיי איז געווען דער גרויסער צדיק ר' שמואל אייזיק זכרונו לברכה, ר' שמואל אייזיק פלעגט דאווענען מיט א ברען, ער האט אינזין געהאט כוונות פון שמות און יחודים. האט ער זיך איינמאל אנגערופן צו רבי נתן: "**אויב ווייס איך אז די די היינטיגע קריאת שמע און שמונה עשרה וועט נישט זיין מער פון נעכטן, נעם איך א שווערד און איך הרג'ע זיך!**" יעדן טאג האט געדארפט זיין עפעס מער ווי טאג בעפאר. ביי זינעס פארשטייט מען דאס גאר גוט, ביי ביזנעס איז מען נישט צופרידן אויב היינט האט מען געמאכט די זזעלבע פון נעכטן, יעדן טאג דארף זיין

עפעס מער, אזוי איז געווען ביי רבי שמואל אייזיק, יעדן טאג האט זיין עבודת השם געדארפט זיין שטערקער פון נעכטן, האט רבי נתן אים געזאגט: **״איך האב אנדערש געלערנט פון רבי׳ן; איך האב געלערנט פון רבי׳ן, אויב מען האט נישט געדאווענט יום כפור, דאווענט מען אין גאט׳ס נאמען״**, [א טאג נאך יום כפור רופט מען ביי חסידים ׳גאט׳ס נאמען׳].

## עס איז נאכנישט דערנאך

רבי נתן זכרונו לברכה האט מקבל געווען פון רבי׳ן, אפילו אויב דער היינטיגער טאג איז נישט געלונגען איז נאכנישט דערנאך, זאל דער קומענדיגער טאג זיין געלונגען; אויב מען האט נישט געדאווענט יום כפור, דאווענט מען אין גאט׳ס נאמען, און אויב מען האט נישט געדאווענט פורים, איז שושן פורים אויך פורים.

## עס איז קיינמאל נישט צו שפעט

עס פאסירט אז א מענטש גרייט זיך אן פאר פורים אז אלעס זאל קלאפן, ער קויפט זיך א ׳המלך מגילה׳, עס גייט זיין א פורים... אבער ווען עס קומט אן פורים גייען זאכן אנדערש ווי געפלאנט, פונקט דארף ער אפזיצן ביים דאקטער מיט א קינד, און פונקט בלאזט די ווייב וכו׳, דער מענטש ווערט זייער צעבראכן דערפון, די פורים האט זיך נישט אויסגעארבעט אזוי ווי ער האט געמיינט, זאגט דער רבי: **״שושן פורים איז אויך פורים״**, עס איז קיינמאל נישט צו שפעט, מען קען נאך יעצט זוכה זיין צו אלע קדושות, אפילו נאך פורים.

## וואס איז די גרעסטע מדריגה?

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט״א אריין אין א נייע שמועס, און געזאגט: וואס איז די גרעסטע מדריגה צו וואס א מענטש קען זוכה זיין?

די גרעסטע מדריגה איז, אז א מענטש האט נישט קיין קשיות אויפ׳ן אייבערשטן! מענטשן מיינען אז מען קען אנזען אן ערליכער איד פון אינדרויסן, מען שאצט אפ דעם מענטש ווי אזוי ער גייט אנגעטון, אבער עס איז נישט אזוי, פון אינדרויסן קען מען גארנישט זען, דאס גרויסקייט פון א מענטש איז געוואנדן אין דעם מח, צי גלייבט ער אינעם אייבערשטן, וואוסענדיג אז דער אייבערשטער פירט אלעס, און דער אייבערשטער איז גוט צו מיר, אדער האט ער - רחמנא לצלן - קשיות אויפ׳ן אייבערשטן, ער גייט א גאנצן טאג ארום מיט קשיות ׳פארוואס׳, ׳פארוואס׳, ׳פארוואס׳.

## דאס איז פאר מיין טובה

די גרעסטע מדריגה איז אז דער מענטש האט נישט קיין קשיות אויפ׳ן אייבערשטן. איי איך פארשטיי נישט פארוואס איך דארף דאס אריבער גיין, ווייס איך אבער אז דאס איז פאר מיין טובה. תענית אסתר בין איך געווען מיט מיינע קינדער ביים דאקטער זיי געבן שאטס[א]. געווענליך גיי איך נישט מיט צום דאקטער, אבער ווען עס קומט צו געבן שאטס דארף איך גיין העלפן, ווייל די קינדער שרייען און פארפירן מען זאל זיי נישט שטעכן. טראכט איך יעדעס מאל וואס מיר קענען זיך אפלערנען דערפון; דאס קינד איז ברוגז אויף מיר און אויפ׳ן דאקטער ווייל מען שטעכט אים, וויפיל מען פרובירט אים איבער צו רעדן מיט סטיקערס וכדומה - וויינט ער ווייטער, ער שרייט מען זאל אים נישט שטעכן, ווייל ער קוקט עס אן ווי שלעכטע זאך, אבער אן עלטערער מענטש פארשטייט שוין אז מען זוכט נישט דא דאס שלעכטס פונעם קינד, פארקערט, מען

[א] אזוי ווי דער רבי זאגט (עיין בספר אבניה ברזל, סימן לד) אז מען דארף נעמען די קינדער צום דאקטער זיי געבן שאטס. יעצט הערט מען אז עס איז נאכאמאל געווארן אן אויסברוך פון פאליא"ו אין ארץ ישראל, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, דארף מען געבן די שאטס אפצוהיטן די קינדער פון אלע מחלות.

שטעכט אים פאר זיין טובה, כדי ער זאל זיין געזונט, דער טאטע איז נישט זיין שונא, דער דאקטער איז נישט זיין שונא, די גאנצע זאך איז נאר פאר זיין טובה. די זעלבע זאך איז מיט יעדע שוועריקייט וואס א מענטש גייט אריבער, מען באקומט א שטעך פונעם אייבערשטן, דארף מען וויסן אז דער אייבערשטער זוכט דא מיין גוטס, דאס איז פאר מיין טובה, נאר מיר זענען אזוי ווי קינדער, מיר פארשטייען נישט פארוואס קומט יעצט דער שטעך, אבער מיר גלייבן אז אלעס איז לטובה.

## אֵ-לִי אֵ-לִי 'לָמָה' עֲזַבְתָּנִי

ווען אסתר המלכה איז אריין צו אחשורוש האט זי געבעטן דעם אייבערשטן (תהלים כב, ב): "אֵ-לִי אֵ-לִי לָמָה עֲזַבְתָּנִי", דער פשוט'ער פשט איז אז אסתר האט פארלוירן איר רוח הקודש שטייענדיג פאר אחשורוש, האט זי געבעטן דעם אייבערשטן: "אֵ-לִי אֵ-לִי לָמָה עֲזַבְתָּנִי", באשעפער פארוואס האסטו מיר אפגעלאזט. אבער א ברסלב'ער חסיד פרעגט נישט דעם אייבערשטן פארוואס האסטו מיר אפגעלאזט, ער ווייסט דאך אז דער אייבערשטער איז שטענדיג מיט'ן מענטש, האב איך געהערט פון א ברסלב'ער חסיד זייער א שיינע פשט, אסתר המלכה האט געבעטן דעם אייבערשטן: "אֵ-לִי אֵ-לִי 'לָמָה' עֲזַבְתָּנִי, באשעפער העלף אז די אלע קשיות פון 'לָמָה' - פארוואס און פארוואס זאלן מיר שוין אפלאזן; די אלע קשיות מאכן מיר פארגעסן פונעם אייבערשטן, נעם שוין אוועק די אלע קשיות פון מיר, איך זאל האבן א שטארקע אמונה אין דיר און געדענקן אז דו ביסט גוט און אלעס וואס דו טוסט איז פאר מיין טובה".

## דער אייבערשטער איז גוט

די הלכה איז (שלחן ערוך, אורח חיים, סימן נא, סעיף ז), אויב מען האט נישט אינזין געהאט ביים דאווענען ביי די ווערטער (בפסוקי דזמרה, אשרי) 'פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן' דארף מען עס איבער זאגן, האב איך געהערט

פון א ברסלב׳ער חסיד, אז די זעלבע זאך איז אויב מען האט נישט אינזין געהאט ביי די ווערטער: ״טוֹב ה׳ לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו״, דארף דאס מען אויך איבער זאגן, ווייל זיכער איז וויכטיג צו בעטן אויף פרנסה ביי ׳פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ׳, אבער קודם דארף מען וויסן אז ׳טוֹב ה׳ לַכֹּל׳, דער אייבערשטער איז גוט און ער טוט נאר גוטס.

## א גאנץ יאר קען מען זוכה זיין

בשעת די מעשה פון די מגילה האט פאסירט, האט אויסגעקוקט ווי עס איז א צרה, עס איז שלעכט געווען פאר די אידן, אבער צום סוף האט מען געזען אז אלעס איז געווען א טובה פאר אידישע קינדער, דערפאר איז מען פורים זוכה צו געוואויר ווערן אז אלעס וואס מען גייט אריבער איז לטובה, און דאס קען מען נאך זוכה זיין יעצט אום שושן פורים, און נישט נאר שושן פורים איז פורים, נאר א גאנץ יאר קען מען זוכה זיין צו אלע קדושות.

## רעדן אביסל צום אייבערשטן

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין קינמאל נישט אפלאזן דעם אייבערשטן, מיר זאלן אייביג געדענקן אז דער אייבערשטער איז גוט, קיינמאל נישט האבן קיין קשיות אויפ׳ן אייבערשטן. אויך זאל מען אריין נעמען אין זיך דאס וואס דער רבי האט מחזק געווען רבי נתן, דו האסט גארנישט פארפאסט, דו קענסט נאך יעצט זוכה זיין צו אלע גוטע זאכן; אפילו איך האב נעכטן פארפאסט, קען איך נאך היינט זוכה זיין, און אויב איך האב היינט פארפאסט, קען איך מארגן זוכה זיין, איך קען יעדן טאג זוכה זיין צו לערנען אביסל חומש, אביסל משניות, אביסל גמרא, און רעדן אביסל צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.